נומער 4.6

ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו א ר ד ע ר

**פארזעצנדיג די דעקלעראציע פון א דיזעסטער עמערדזשענסי איבער די גאנצע סטעיט צוליב העלטקעיר שטאב מאנגלען אין ניו יארק סטעיט**

**אזוי ווי**, עס זענען דא שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אין אנדערע העלטקעיר אנשטאלטן און זיי זענען ערווארטעט ווייטער אנצוגיין;

**אזוי ווי**, ערנסטע שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אין אנדערע העלטקעיר אנשטאלטן זענען ערווארטעט צו ווייטער האבן א ווירקונג אויף די מעגליכקייטן צו באזארגן קריטישע קעיר און צו דינען שוואכערע באפעלקערונגען אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם;

**אזוי ווי**, עס איז דא א באלדיגע און קריטישע נויט צוצולייגן נאך שטאב מיטגלידער צו פארזיכערן אז העלטקעיר אנשטאלטן קענען צושטעלן קעיר;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול,** די גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז אויסגעלייגט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 4, ווי פארגעזעצט אין עקזעקיוטיוו ארדער 4.5, און איך טוה דערמיט פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדערס 4, 4.1, 4.2, 4.3, 4.4 און 4.5 ביז מערץ 31, 2022.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן  אונטער מיין האנט און אונטער דעם

אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין אלבאני סיטי

אום דעם ערשטן טאג פון מערץ, אין דעם יאר

צוויי טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך די גאוועראנאר

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער